ווייסע פערד, געקליידט אין פיינער לייַוונט, לויטער
15 ווייס. און פון זייַן מויל גייט אַרויס אַ שאַרפע
שווערד, כדי מיט איר זאָל ער שלאָגן די גוים; און
ער וועט הערשן איבער זיי מיט אַן אייַזערנער רוט;
און ער טרעט דעם קעלטער פון דעם צאָרנווייַן
16 פון דעם אַלמעכטיקן ג־טס גרימצאָרן. און האָט
אַ נאָמען אויף זייַן קלייד און אויף זייַן דיך אויפֿ־
געשריבן: מלך המלכים און אדון האדונים.
17 און איך האָב געזען אַ מלאך שטיין אין דער זון,
און ער האָט געשריגן מיט אַ הויך קול, אַזוי צו
זאָגן צו אַלע פייגל, וואָס פליען אינמיטן הימל:
קומט, זאַמלט אייך איין צו ג־טס גרויסער סעודה;
18 כדי איר זאָלט עסן דאָס פלייש פון מלכים און דאָס
פלייש פון הויפּטלייט און דאָס פלייש פון גבורים
און דאָס פלייש פון פערד און פון זייערע רייטער,
און דאָס פלייש פון אַלע פרייע (מענטשן) און פון
קנעכט, פון קליין און פון גרויס!
19 און איך האָב געזען די חיה, און די מלכים פון
דער ערד און זייערע חיילות, פאַרזאַמלט צו פירן
מלחמה מיט דעם רייטער אויף דעם פערד און מיט
20 זייַנע הערשאַפן. און די חיה איז געפאַנגען געוואָרן,
און מיט איר דער פאַלשער נביא, וואָס האָט
געטון די אותות (ומופתים) פאַר איר, מיט וועלכע
ער האָט פאַרפירט די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם
סימן פון דער חיה און זיך געבוקט צו איר בילד;
לעבעדיקערהייט זענען זיי ביידע אַרייַנגעוואָרפן
געוואָרן אין דעם טייַך פון פייַער, וואָס ברענט מיט
21 שוועבל; און די איבעריקע זענען געטייט געוואָרן מיט
דער שווערד, וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון
דעם רייטער אויפן פערד; און אַלע פייגל זענען
זאַט געוואָרן פון זייער פלייש.